# האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר

זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.
הייליק און שטיל זאָל דאָרט זיין,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר.
אויב איך פֿיר דיך אַהינצו אַריין,
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.

כ׳וויל נישט פֿון פֿרעמדס ווערן רייך,
נישט אַלע שטאַרבן מיר גלייך,
וואָס טויג אין מיין ליד דיינע אויגן ?
אַז צוויי ווערבעס שטייעןביים טייך,
לעבן זיי ביידע געבויגן,
נאָר יעדע פֿון זיי וויינט באַזונדער.

כ׳זוך נישט געלט און נישט רום, ווען איך זינג.
צו גאָט גייט מען איינער אַליין.
כ׳וויל נישט זיין דער גאָלדענער רינג
מיט מיין האַרץ ווי אַ טייערע שטיין
אויף עמעצס געשוואָלענעם פֿינגער.

זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.
הייליק און שטיל זאָל דאָרט זיין,
איך ווינק נישט און רוף נישט צו מיר.
אויב איך פֿיר דיך אַהינצו אַריין,
האָב איך אַ באַהאַלטענע טיר,
זאָל מיין ליד זיין אויף שלעסער פֿאַרשלאָסן.

---

ליטעראַרישע בלעטער
10, נומ׳ 49, דעצעמבער 8, 1933, ז׳ 783